
פערלאג
ליירע
פרייהייטס-
ליעדער
מארסעליעזע
ח.גאלדבערג

ביז וואַנען מיר וועלען ערקעמפפען אין פרייהייט
אַ רוהיגעם לעבען אויף אייגענעם לאַנד.

מיר שווערען צוריַיסען די קייטען אויף שטיקער
פון זיינע געבונדענע וואונדיגע הענד;
אַרונטערצוואַרפען דעם יאָך פון די דריקער,
פערלאָזען דעם גלות, די פינסטערע וואַנד.

און אויך ווען צו שטאַרבען אין מיטען דעם שטרעבען
איז אונז דאָ בעשערט, ניט בריינגענדיג איהם דאָרט,
דאַן וועלען מיר אַנדערע דעם גייסט איבערגעבען,
זיי זאָלען פערטרעטען אין שטרייט אונזער אָרט!

(אין זאַלציגען ים)






ז. סינאַי.

## אין זאַלציגען ים.

אין זאַלציגען ים פון די מענשליכע טרעהרען
געפינט זיך אַ שרעקליכער תהום;
ער קען שוין ניט טיעפער, ניט פינסטערער ווערען,
איהם צייכענט אַ בלוטיגער שטראָם...

דעם תהום האָבען טויזענדער יאָהרען געגראָבען
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזענדער יאָהרען אַלץ טראָפען נאָך טראָפען
עם גיסען זיך טרעהרען דעריין.

און פול איז דער תהום... דאָס איז יודישע טרעהרען,
נאָר האָט ניט קיין טעות אין זיי:
אַ בלוטיגע טרעהר מהוט! דעם קברן געהערען,
דעם נגיד — אַ ווייסע ווי שניי.

נאָר איך בעלי־מלאכות, אביונים, קבצנים,
געהערט דאָך דער בלוטיגער תהום.
און אנדערע „ברידער“, די רייכע גזלנים,
געהערט נאָר פון אויבען דער שוים.

שוין פול איז דער ים און פערפליצט אלע ברעגען.
וואו זענען די העלדען, די לייט,
די, וועלכע זיי וועלען זיך מוטיג דערוועגען
צו ווארפען אין תהום זיך און שטרייט?

דעם ארבייטער ווער־זשע וועט ענדליך דערלייזען
פון הונגער און אייביגע לייד?
און ווער וועט דעם וועג איהם צו פרייהייט בעווייזען,
צו ברידערשאפט, גלייכהייט און פרייד!

די גבירישע קינדער, משכּילים, רבנים —
זיי רופען אין ציון דעם יוד.
א ליעדעל אנ'אלטעס פון אונזערע שונאים:
„א נעטא דעם אייביגען זשיד“.



זיי רופען אונז זוכען, די קאלטינקע מתים,
פון הייליגע קברים א לאנד,
און דאס, וואס עס ליידען און זיפצען „הקדושים“ —
צו דעם איז מען טויב, ווי די וואנד.

. . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . .

דער יודישער ארבייטער (גבירישער קרבן)
הויב־אויף שוין פון פרייהייט די פאהן.

דער העלד וועט די וועלט אי בעפרייען, אי היילען,
ער מ'גרייכען דעם תהום ביז'ן גרונד!
עס לעבע פון רוסלאנד, פון ליטא און פוילען
דער אידישער „ארבייטער־בונד“!